**וואקסין אינפארמאציע בלאט**

Many vaccine information statements are available in Yiddish and other languages. See www.immunize.org/vis

פילע וואקסין אינפארמאציע בלעטער זענען פארעפנטליכט אין אידיש און אין אנדערע שפראכן. באזוכט www.immunize.org/vis

# ניומאקאָקעל קאַנדזשוגעט וואקסין:
## *וואס איר דארפט וויסן*

## 1. פארוואס זאל איך וואקסינירט ווערן?

די ניומאקאָקעל קאַנדזשוגעט וואקסין קען פארמיידן ניומאקאָקעל קראנקהייט.

**ניומאקאָקעל קראנקהייט** איז די נאמען פון סיי וועלכע קראנקהייט וואס ווערט פאראורזאכט דורך די ניומאקאָקעל באקטעריע. די באקטעריע קען פאראורזאכן פילע סארטן קראנקהייטן, אריינרעכענענדיג:

- לונגען אנטצינדונג (ניומאָוניע)
- אויער אינפעקציעס
- סיינוס אינפעקציעס
- מענינדזשייטיס (אינפעקציע פון די הייטל וואס דעקט איבער די מוח און חוט השדרה)
- בלוט אינפעקציע (באקטערימיע)

סיי וועלכער מענטש קען באקומען ניומאקאָקעל קראנקהייט, אבער קליינע קינדער, עלטערע מענטשן און מענטשן וועלכע האבן געוויסע אנדערע געזונטהייט פראבלעמען אדער אומשטענדן וועלכע מאכן זיי מער אויסגעשטעלט — האבן די גרעסטע אויסזיכטן דערפאר.

רוב ניומאקאָקעל אינפעקציעס זענען מילד. טייל קען אבער פירן צו לאנג-טערמיניגע פראבלעמען, ווי שאדן צו די מוח אדער פארלירן די הער קראפט. מענינדזשייטיס, בלוט אנטצינדונג און לונגען אנטצינדונג וואס ווערן פאראורזאכט דורך ניומאקאָקעל קראנקהייט קענען פירן צו טויט.

## 2. ניומאקאָקעל קאַנדזשוגעט וואקסין

די ניומאקאָקעל קאַנדזשוגעט וואקסין העלפט באשיצן קעגן די באקטעריע וואס פאראורזאכט ניומאקאָקעל קראנקהייט. עס זענען דא עטליכע ניומאקאָקעל קאַנדזשוגעט וואקסינען (pneumococcal conjugate vaccine, PCV). די ספעציפישע סארט PCV און צאל דאזעס וואס זענען רעקאמענדירט ווענדן זיך אויף דעם מענטשן'ס עלטער, די וואקסינען באקומען אין די פארגאנגענהייט און זייער געזונטהייט צושטאנד. אייער העלט קעיר פראָוויידער קען אייך העלפן באשטימען וועלכע סארט PCV און וויפיל דאזעס איר זאלט באקומען.

- **בעיביס און קליינע קינדער** דארפן געווענטליך 4 דאזעס פון PCV. די דאזעס זענען רעקאמענדירט ביי די 2, 4, 6 און 12 ביז 15 חודשים אלט.
- **געוויסע עלטערע קינדער און צענערלינגען** וועלכע האבן נישט באקומען די רעקאמענדירטע דאזעס אלס בעיביס אדער קליינע קינדער דארפן באקומען א PCV. דאס ווענדט זיך אויף זייער עלטער און געזונטהייט אומשטענדן אדער אנדערע אומשטענדן וועלכע מאכן זיי מער אויסגעשטעלט.
- **ערוואקסענע פון 19 ביז 49 יאר אלט** וועלכע האבן נישט באקומען א PCV און האבן געוויסע אנדערע געזונטהייט פראבלעמען אדער אנדערע אומשטענדן וועלכע מאכן זיי מער אויסגעשטעלט זאלן באקומען א PCV. פאר געוויסע ערוואקסענע אין די גרופע וועלכע האבן שוין באקומען א PCV קען דאס מעגליך זיין רעקאמענדירט צו באקומען נאך א דאזע.
- **ערוואקסענע פון 50 יאר אדער עלטער** וועלכע האבן נאכנישט באקומען א PCV בעפאר זאלן באקומען א PCV וואקסין. פאר געוויסע ערוואקסענע אין די גרופע וועלכע האבן שוין באקומען א PCV קען דאס מעגליך זיין רעקאמענדירט צו באקומען נאך א דאזע.

## 3. רעדט מיט אייער העלט קעיר פראָוויידער

זאגט פאר אייער וואקסינאציע פראָוויידער אויב דער מענטש וואס באקומט די וואקסין:

- האט אמאל געהאט אן **אלערגישע רעאקציע נאך א פריערדיגע דאזע פון סיי וועלכע סארט PCV** אדער סיי וועלכע וואקסין וואס אנטהאלט **diphtheria toxoid** (דיפטעריע טאַקסויד) (צום ביישפיל די DTaP וואקסין) אדער אויב זיי האבן סיי וועלכע **ערנסטע לעבנס-סכנות'דיגע אלערגיעס**

אין געוויסע פעלער, וועט אייער העלט קעיר פראָוויידער מעגליך באשליסן צו אפשטופן א PCV ביז א שפעטערע באזוך.

מענטשן מיט נישט ערנסטע קראנקהייטן, ווי א פארקילעכץ, קענען וואקסינירט ווערן. מענטשן וואס זענען מעסיג אדער שווער קראנק זאלן געווענטליך ווארטן ביז זיי ערהוילן זיך.

אייער העלט קעיר פראָוויידער קען אייך געבן מער אינפארמאציע.

U.S. CENTERS FOR DISEASE CONTROL AND PREVENTION

## 4. מעגליכע רעאקציעס צו א וואקסין

- רויטליכקייט, געשווילעכץ, ווייטאג אדער עמפינדליכקייט ביי די פלאץ וואו די איינשפריץ ווערט געגעבן; פיבער; פארלירן אפעטיט; אומרואיגקייט; מידקייט; קאפווייך; ווייטאגן אין די מוסקלען; ווייטאגן אין די געלענקען (דזשוינטס); אדער טשילס קענען געשעהן נאכן באקומען די ניומאקאָקעל קאָנדזשוגעט וואקסין.

קליינע קינדער קענען האבן העכערע אויסזיכטן צו באקומען א סיזשער צוליב א פיבער נאכן באקומען א PCV אויב עס ווערט געגעבן אין די זעלבע צייט ווי א נישט-לעבעדיגע פלו (אינעקטיוויטעד אינפלוענזא) וואקסין. פרעגט אייער העלט קעיר פראָווידער פאר מער אינפארמאציע.

מענטשן חלש'ן צומאל נאך מעדיצינישע פראצעדורן, אריינרעכענענדיג וואקסינאציע. זאגט פאר אייער פראָווידער אויב איר פילט א שווינדל, האט שוועריגקייטן צו זעהן קלאר אדער אייערע אויערן קלינגען.

פונקט ווי מיט יעדע מעדיצין זענען דא גאר קליינע אויסזיכטן אז א וואקסין זאל פאראורזאכן אן ערנסטע אלערגישע רעאקציע, אנדערע ערנסטע שאדן אדער טויט.

## 5. וואס איז אויב עס דא אן ערנסטע פראבלעם?

אן אלערגישע רעאקציע קען געשעהן נאכדעם וואס דער וואקסינירטער מענטש פארלאזט די קליניק. אויב איר זעהט סימנים פון אן ערנסטע אלערגישע רעאקציע (אויסשלאגן, אויפגעשוואלענע פנים און האלז, שוועריגקייטן צו אטעמען, א שנעלע הארץ קלאפ, שווינדל אדער שוואכקייט), רופט **9-1-1** און נעמט אריין דעם מענטש צו די נאענטסטע שפיטאל.

פאר אנדערע סימנים וואס באזארגן אייך, רופט אייער העלט קעיר פראָווידער.

אומגעוואונטשענע רעאקציעס זאלן באריכטעט ווערן צו די Vaccine Adverse Event Reporting System (וואקסין אומגעוואונטשענע געשעעניש באריכטונג סיסטעם, VAERS). אייער העלט קעיר פראָווידער וועט געווענטליך אריינגעבן די באריכט, אדער קענט איר דאס אליין טוהן. באזוכט די VAERS וועבזייטל אויף [www.vaers.hhs.gov](http://www.vaers.hhs.gov) אדער רופט **1-800-822-7967**. *VAERS איז געווידמעט נאר צו באריכטן רעאקציעס, און VAERS שטאב מיטגלידער גיבן נישט קיין מעדיצינישע עצות.*

## 6. דער National Vaccine Injury Compensation Program

דער National Vaccine Injury Compensation Program (נאציאנאלער וואקסין שאדן פארגוטיגונג פראגראם, VICP) איז א פעדעראלער פראגראם וואס איז אוועקגעשטעלט געווארן צו פארגוטיגן מענטשן וועלכע זענען מעגליך געשעדיגט געווארן דורך געוויסע וואקסינען. קלעימס איבער אנגעבליכע שאדן אדער א טויטפאל צוליב וואקסינאציע האבן א באגרעניצטע צייט אפשניט ביז ווען זיי קענען אריינגעגעבן ווערן, צומאל אזוי קורץ ווי צוויי יאר. באזוכט די VICP וועבזייטל אויף [www.hrsa.gov/vaccinecompensation](http://www.hrsa.gov/vaccinecompensation) אדער רופט **1-800-338-2382** צו לערנען איבער דעם פראגראם און איבערן אריינגעבן א קלעים.

## 7. וויאזוי קען איך לערנען מער?

- פרעגט אייער העלט קעיר פראָווידער.
- רופט אייער לאקאלע אדער סטעיט העלט דעפּארטמענט.
- באזוכט די וועבזייטל פון די Food and Drug Administration (עסנווארג און דראג אדמיניסטראציע, FDA) פאר די אפיציעלע אינפארמאציע בלעטער וואס קומען מיט די וואקסין און נאך אינפארמאציע אויף [www.fda.gov/vaccines-blood-biologics/vaccines](http://www.fda.gov/vaccines-blood-biologics/vaccines).
- פארבינדט זיך מיט די Centers for Disease Control and Prevention (צענטער פאר קראנקהייט קאנטראל און פארמיידונג, CDC):
  - רופט **1-800-232-4636 (1-800-CDC-INFO)** אדער
  - באזוכט די CDC'ס וועבזייטל אויף [www.cdc.gov/vaccines](http://www.cdc.gov/vaccines).

Yiddish translation provided by Immunize.org